חסידות. און ער פלעגט זיי שיקן בכתב יד קדשו, וואס דאס איז דאך דער טעם אויף דעם וואס אין ארץ ישראל האבן זיך געפונען אסאך ביכער דעם מיטעלן רבי׳נס. איז פון דעם וואס זיי האבן ניט געוואלט פארן איז דאך א ראי׳ ווײלע זיי האט געפעלט בעניך אייך מאל מאוד, און אעפ"כ האט מען זיי געשיקט, ניט נאר לטובת המקום נאר אויך לטובתם עצמם, בעניך צוויי מאל מאוד.

וכמו"כ אין אלע דורות ביז אין דור האחרון, אז בשעת מען פארט בשליחות כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא הדור, דארף מען וויסן אז דאס איז ניט נאר לטובת המקום נאר אויך לטובת השלוחים, אז בא זיי ווערט דער ויפרוץ האיש מאוד מאוד, אז עס ווערן נתפרץ כל הגדרים, וואס דאס איז דורך הפצת החסידות בשופי.

און ווי ס׳איז דא אויך דער סיפור פון מיטעלן רבי׳נס חסידים, אז איינמאל באנאכט, אויף׳ן גאס איז געווען א גוטע פאגאדע, האבן זיי גע׳חזר׳ט די מאמרים אדורכן גאס, אינמיטן האט אנגעהייבן צו גיין א רעגן, דערווײלע האבן זיי באמערקט ווי א גוי גייט ארוים פון עפעס א בנין, זיינען די חוזרים אריין אהין ממשיך זיין חזר׳ן דעם מאמר, נאכער האבן זיי זיך געכאפט אז דאס איז געווען א ארט וואס מען טאר ניט אריין גיין ובפרט לדברי תורה, זיינען זיי געווארן צוטומלט און אריין צום מיטעלן רבי׳ן, דער מיטעלר רבי האט זיך אוים געלאכט פון דער גאנצער מעשה.

וואס דאס איז אמיתית ופרצת, אז אפי׳ די גדרים וואס האבן לכאורה א אחיזה אין שו"ע ווערן אויך נפרץ.

ז. מאמר ד"ה פדה בשלום נפשי.

ח. אויף דעם וואס ער זאגט אין הייגטיקע סדרה בכל כחי עבדתי את אביכן, לערנט מען דערפון אפ, אין רמב"ם און דער אלטער רבי בהל׳ שכירות, אז א פועל דארף ארבעטן א גאנצן טאג - כאטש אין למדין מקודם מ"ת, פונדעסטוועגן דא לערנט מען עס יא אפ - ער זאל ארבעטן באמונה, ולא להתבטל אביסל פון אנהייב אביסל פון סוף ונמצא כל היום במרמה, נאר ארבעטן דעם גאנצן טאג.

און כאטש אין רמב"ם וכמו"כ בשו"ע אדה"ז איז דאך נאר פסקי דינים, אבער ס׳איז דא בכ"מ וואס ער איז מוסיף, וכמו"כ אויך דא איז ער מוסיף דעם שכר, און ער באקומט אויך דעם שכר אויך בעוה"ז, אזוי ווי יעקב שנאמר בו ויפרוץ האיש מאוד מאוד.

אין משנה שטייט פועלים עצלים ובעה"ב דוחק כו׳, וואס פון דעם איז מובן אז ירידת הנשמה למטה איז אויך א עניך פון פועל, זאגט מען אויף דעם, אז די ארבעט דארף זיין בכל כחי.

דער תכלית הכוונה איז בירידה דוקא למטה, ניט די נשמה כמו שהיא למעלה נאר בירידתה למטה דוקא, און למטה גופא איז דער תכלית ניט אין תלמוד נאר מעשה און נאך מערער בבירור דברי הרשות כנ"ל.

וואס דאס זעט מען אויך בא יעקב׳ן אז ער איז ארוים מבאר שבע וילך חרנה, וואס דאס גייט אויף מלכות אדער ווי דער צווייטער פי׳ שבזהר אויף בי"ע, כמשנ"ת בהמאמר, ביז אין חרן כפשוטו חרון אף של עולם.

פריער איז יעקב געווען בבאר שבע בא יצחק׳ן, וואס אזוי איז דאך אין הקב"ה מייחד שמו על החיים משא"כ ביצחק, ווײלע אויך ווי ער

-איז-

<u>הנחה בלתי מוגה</u>

איז געווען דא למטה בגוף איז ער געווען כמו למעלה. אויך דערנאך איז ער געווען י"ד שנה בבית מדרשו של שם ועבר, שטייט דאך אויפן פסוק וישכב בלילה ההוא, אז בלילה ההוא דוקא איז ער געשלאפן, אבער די י"ד שנה שהי' בבית מדרשו של שם ועבר איז ער ניט געשלאפן, פארשטייט מען דאך אין וועלכע מדריגה איז ער דאן געשטאנען, און פונדעסטוועגן איז ער פון דארטן אוועק קיין חרן, ביז אין די נידעריקסטע מדריגה פון חרן, חרון אף של עולם, און געטאן דארטן את עבודתו בכל כוחו, ודוקא ע"ז ויפרוץ האיש מאוד מאוד.

וכדאיתא במדרש מאד מאברהם מאד מיצחק, אברהם האט זיך ניט עוסק געווען בבירור הדברים הגשמיים, כאטש אויך בא אים שטייט דאך ואת הנפש אשר עשו בחרן, אבער דאס איז דאך געווען נאר בדרך עראי ולפי שעה, דערפאר איז דאך דאס ניט געווען בפנימיות, ולכן ווייס מען דאך ניט וואס איז געווארן מיוצאי חלציהם של הגרים שנתגיירו ע"י אברהם. יצחק איז געווען א עולה תמימה און ניט ארוים פון ארץ ישראל, כאטש אז ס'איז געווען א"י קודם הבירור, אבער פארט א"י, משא"כ יעקב שהלך לחרן ועבד עבודתו, ניט בדרך עראי נאר בכל כוחו, איז ויפרוץ האיש מאוד מאוד, ער האט געהאט דעם מאוד פון אברהם, דעם מאוד פון יצחק'ן און נאך העכער פון זייביידן.

און די הוראה מזה איז לכל אחד ואחד, אז בשעת ער דארף גיין בשליחותו של נשיא הדור כ"ק מו"ח אדמו"ר, איז כאטש ער דארף דאך ארוים גיין מבית מדרשו של שם ועבר, אדער נאך העכער פון די ד' אמות של יצחק, און אוועקגיין בריחוק מקום, דארף ער אבער וויסן אז דאס איז ניט נאר לטובת המקום נאר אויך לטובתו הפרטית, אז דוקא דאדטן האט ער דעם מאוד מאוד.

כשם ווי בא דעם אויבערשטן שטייט דאך שהעליונים הם ירידה מאור פניו ית' און דוקא ע"י ירידת הנשמה למטה ועובדת עבודתה בבירור הגשמיות דא נעמט ער עצמות, כמו"כ אויך בצדיקים דומים לבוראם, דארף ער וויסן אז זייענדיק דא נעמט ער נאך ניט דעם עצם פון רבי'ן, און דעם עצם פון רבי'ן האט ער כשהולך בשליחותו, דוקא למקום רחוק, און ווי גערעדט שוין כמה פעמים אז מיט די שלוחים גייט מיט דער עצם פון רבי'ן.

און דערפאר דארף מען עס טאן ניט נאר מצד קבלת עול נאר בשמחה, אזוי ווי מען געפינט בא יעקב'ן, וישא יעקב רגליו, שטייט דאך אז ער איז געגאנגען בשמחה, ולכאורה, וואס איז דא די שמחה, ער גייט אוועק מד' אמותיו של יצחק, מבית מדרשו של שם ועבר, און אפי' אויף'ן וועג האט ער געזען די מרכבה, סולם מוצב ארצה און מלאכי אלקים עולים ויורדים בו שטייט שהיו מסתכלים במרכבה ומסתכלים ביעקב, וואס דאס איז דער ענין פון פנימיות התורה, מעשה מרכבה, גייט ער אוועק פון דעם אין חרון אף של עולם, איז וואס איז דא די שמחה, אבער ווייסנדיק אז דוקא דא נעמט ער עצמות, פון דעם איז די שמחה.

און דערפאר איז אויך בכל כוחו עבדתי את אביכן, ער טוט בחשק וחיות ובמילא בבל כוחו, ער לייגט ניט אפ צוביסלאך אויף א שעה, א טאג, א וואך, א חודש, ער וועט דערווייילע לערנען נאך א מאמר מאכן נאך א התוועדות, ונמצא עובר כל היום, דעם היום לעשותם, במדמה.

נאר מען דארף טאן די אדבעט בחוזק וחיות ובכל כוחו, און יעמאלט האט מען די הבטחה, ויפרוץ האיש מאוד מאוד, און ווי עס פסק'נט זיך אפ אין שו"ע אז מען האט דעם שכר אויך בזה, בעניניו הגשמיים לו ולב"ב.

<u>הנחה בלתי מוגה</u>